2 דעריבער ווען דו טוסט אַ גמילות חסד, לאָז נישט
אויסטראָמפּייטערן פֿאַר דיר, ווי די צבֿועקעס טון
אין די שולן און אויף די גאַסן, כּדי געלויבּט צו
ווערן פֿון לייטן. בּאמת זאָג איך אייך, זיי האָבּן שוין
3 זייער שכר. דו אָבּער ווען דו טוסט אַ גמילות חסד
זאָל דיין לינקע האַנט נישט וויסן, וואָס די רעכטע
טוט, כּדי דיין גמילות־חסדים זאָל בּלייבּן פֿאַרבּאָרגן;
4 און דיין פֿאָטער, וואָס זעט אין פֿאַרבּאָרגעניש,
וועט דיר פֿאַרגעלטן.
5 און ווען איר טוט תּפֿילה, זאָלט איר נישט זיין
ווי די צבֿועקעס, ווייל זיי האָבּן ליבּ תּפֿילה צו
טאָן ווען זיי שטייען אין די שולן און אויף די עקן
פֿון די גאַסן, כּדי זיך צו בּאַווייזן פֿאַר מענטשן.
בּאמת זאָג איך אייך, זיי האָבּן שוין זייער שכר.
6 דו אָבּער, ווען דו טוסט תּפֿילה, גיי אַריין אין דיין
חדרל, און פֿאַרשליס די טיר, און זיי מתפּלל צו
דיין פֿאָטער, וואָס איז פֿאַרבּאָרגן, און דיין פֿאָטער,
וואָס זעט אין פֿאַרבּאָרגעניש, וועט דיר פֿאַרגעלטן.
7 און תּפֿילה־טוענדיק, זאָלט איר נישט פּלאַפּלען
ווי די גוים; וואָרום זיי מיינען, אַז דורך אַ סך
ווערטער זייערע, וועלן זיי דערהערט ווערן.
8 דעריבּער זייט נישט גלייך ווי זיי! וואָרום גאָט,
אייער פֿאָטער, ווייסט וואָס איר בּאַדאַרפֿט, איידער
9 איר בּעט אים. דעריבּער זאָלט איר אַזוי תּפֿילה
טאָן:

אונזער פֿאָטער, וואָס דו בּיסט אין הימל,
געהייליקט זאָל ווערן דיין נאָמען.
10 זאָל דיין מלכות קומען.
זאָל דיין רצון געשען,
ווי אין הימל, אַזוי אויך אויף דער ערד.
11 אונזער טעגלעכע בּרויט גיבּ אונדז היינט.